# שׂיחות הָראשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת פינחס שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול**<br>**ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די**<br>**אידישע שטוב**<br>**212-444-9191** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# שבת קודש פרשת קרח תש"פ לפרט קטן

שבת אינדערפרי נאכן פארלערנען סיפורי מעשיות האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן: "מזל טוב פאר אלע משפחות פון שטעטל, לכבוד דעם וואס מען האט ברוך השם אפגעקויפט דעם נייעם בנין התלמוד תורה; און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: דאס האט מען געקויפט נאר פון די געלט וואס איר האט געברענגט, מיר האבן נישט געניצט פאר דעם בנין פון די געלט וואס איז אריין געקומען ביים '25 מיליאן פרוטה'לעך קאמפיין'; דער סיבה פארוואס עס האט זיך פארצויגן אויף אזוי לאנג דאס אפקויפן דעם בנין - איז געווען ווייל קודם האט דער מוכר געבעטן זייער א טייערע פרייז, וואס פאר דעם פרייז וועט אויך ווערן אריין גערעכנט זיין הויז וואס שטייט נעבן דעם בנין, ביז מיר האבן זיך אויסגעגליכן אויף א בעסערע פרייז אנעם הויז.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט ווייטער געזאגט: "איך זע שוין אז דער בנין וועט גאר שנעל קליין ווערן, דעריבער האבן מיר שוין אנגעהויבן צו ארבעטן אויף פערמיטס אויף א נייע בנין מפואר פאר די קינדער. ביז דערווייל איז דער טאון נאך נישט מסכים צו געבן א פערמיט צו בויען א נייער בנין פאר א תלמוד תורה, האבן מיר צום ערשט אריין געגעבן א פארלאנג צו באקומען א פערמיט צו קענען גראבן א קוואל, אזוי ווי עס גייט די מעשה פון די נבילה[1]...

---

[1] א מענטש האט אמאל אריין געקלאפט צו איינעם אינדערהיים און געפרעגט צי ער קען אפשר אפקויפן זיין הויז, ווען יענער האט אפגעווארפן זיין בקשה, האט דער אורח איבער געפרעגט דעם בעל הבית צי ער קען אפשר אפקויפן איין נאגל פון זיין וואנט, האט דער בעל הבית צוגעשטימט צו דעם, עס גייט אריבער א שטיק צייט קומט דער אורח אן מיט א גרויסע שטיק נבילה און הענג עס אויף אויף "זיין" נאגל, ווי נאר דער אורח האט דאס געטון האט זיך דער בעל הבית צאמגעפאקט און ארויס פון הויז, און איז שוין מסכים צו פארקויפן דעם הויז פאר'ן אורח, ווייל ער האט נישט געקענט פארנעמען דעם שמעק פון די נבילה...

# ביים מסדר זיין דעם נייעם בנין התלמוד תורה אין שטעטל

זונטאג פרשת חקת-בלק איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויס געקומען אין שטעטל זיך צונויפרעדן מיט די מלמדים און דער מענידזשער פונעם חדר, בעפאר דעם זיך אריבער ציען צום נייעם בנין וואס מען האט נארוואס געענדיגט אפקויפן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעוויזן גענוי ווי אזוי מען זאל אויסשטעלן דעם בנין; וואו די אינגלעך זאלן זיין און וואו די מיידלעך זאלן זיין, די אונטערשטע שטאק וועט זיין פאר די אינגלעך און די אויבערשטע שטאק פאר די מיידלעך, און די צוויי שטאקן וועלן זיין אפגעטיילט מיט א טיר. דער ראש ישיבה שליט"א האט דערביי דערציילט אז ווען דער סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו האט אפגעקויפט דעם נעפענעק קעמפ, איז דארט געווען איין דארמעטארי בילדינג, האט מען איינגעטיילט אז איין זייט זאל זיין פאר די אינגלעך און די אנדערע זייט פאר די מיידלעך, און אינדערמיט איז געווען א טיר וואס האט אפגעטיילט די צוויי זייטן; מען האט אנגעזאגט די קינדער אז דער טיר טאר מען נישט עפענען, אבער עס פלעגט קענען פאסירן אז א אינגל זאל 'בטעות' געבן א שטופ די טיר און אריינפאלן צו די אנדערע זייט פון די מיידלעך, און פונקט זאל ער באגעגענען זיין שוועסטער און שמועסן מיט איר... און די זעלבע פלעגט אויך פאסירן ביי די מיידלעך אז א מיידל זאל 'בטעות' אריינפאלן צו די זייט פון די אינגלעך וכו', און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט: "אזוי האט דער הייליגער סאטמאר'ער רבי געבויעט א מוסד"...

דער ראש ישיבה שליט"א האט ממשיך געווען: "ווען איך בין געווען א קינד, האב איך געלערנט אין די סאטמאר'ע חדר אין בארא פארק, זענען מיר געפארן אויף איין באס די אינגלעך מיט די מיידלעך; 'סאטמאר' אין בארא פארק איז דעמאלט געווען א קליינע מוסד, זיי האבן נאכנישט געהאט גענוג קינדער צו קענען אנפילן צוויי עקסטערע באסעס, דעריבער פלעגן מיר פארן אין איין באס אינגלעך און מיידלעך.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין א שמועס פון אפקויפן א באס פאר די מוסד, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט, אז אין אמת'ן

האבן מיר שוין די געלט פאר א נייע באס פאר די מוסד, נאר איך וויל עס נאך איבער טראכטן און הערן נאך מיינונגען איבער דעם; איך האב זיך אויסגעלערנט אז מען מאכט נישט קיין דיעל ווען מען איז אונטער פרעשור, ווען מען איז באצוואונגען; מיט געבינדענע הענט קען מען גארנישט אונטער שרייבן, ווייל אז מען איז געצווינגען קען מען נישט טראכטן גראד צי מען טוט ריכטיג, די געפילן נייטן אונטערצושרייבן ווייל מען מוז עס שוין האבן, און אזוי קען מען ווערן פארפירט.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט א מעשה, אז זייענדיג אין איינע פון די פלעצער בעפאר די ישיבה איז געווארן פלאצירט אויף 27 סקילמאן סטריט, האט מען פארשיקט די ישיבה איבער נאכט, מוצאי שבת פרשת בראשית, האט מען דריגענט געזוכט א נייע פלאץ אויף מארגן - זונטאג פרשת נח לכבוד דעם נייעם זמן, למעשה האט מען ברוך השם געטראפן א רב מיט א שול אין וויליאמסבורג וואס האט מסכים געווען אוועק צו דינגען זיין שוהל פאר די ישיבה, נאכ'ן פארהאנדלען מיט אים איז מען געקומען צו א הסכם אויף אלע באדינגונגען, איז דער ראש ישיבה שליט"א גרייט געווען צו חתמ'נען, האט יענער רב זיך אנגערופן: "זייט מיר מוחל, אבער איך חתמ'ע נישט קיין שום קאנטראקט בעפאר איך שלאף עס איבער", דערציילט דער ראש ישיבה שליט"א, אז איך האב געטראכט צו זיך: "אויף וואס איז דא איבער צו שלאפן, מען האט דאך שוין אלעס דורך גערעדט, מען האט זיך שוין פאראייניגט אויף די פרייז, מען האט אלעס פארהאנדלט, אלעס איז שוין מסודר, וואס איז יעצט?!" אבער דער רב האט זיך געהאלטן ביי זיינס אז ער מוז עס איבער שלאפן, האט מען געענדיגט דעם אנדערן טאג - זונטאג פרשת נח, האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפירט: "למעשה איז ער גערעכט, איך האב זיך אויסגעלערנט דערפון עטליכע זאכן, איינס, אז מען חתמ'עט נישט אין איילעניש, קודם דארף מען איבער שלאפן, צווייטנס, עס געשעהט גארנישט אז מען הייבט אן דעם זמן מאנטאג נח אנשטאט זונטאג נח".

דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער אויסגעלויבט דער בחור וואס דרייווט דעם באס זוממער אין שטעטל; און דערציילט אז דער בחור איז צוגעקומען צום ראש ישיבה פרעגן אויב ס'איז דא עפעס וואס ער קען

העלפן דעם ראש ישיבה במשך דעם זוממער, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט: "פארוואס פרעגסטו?" האט דער בחור געענטפערט אז מען האט אים אנגעטראגן צו דרייוון אין א קאנטרי פאר'ן פרייז פון טויזנט דאלער א וואך, און ער וויל נישט ליידיג גיין, איז אויב דער ראש ישיבה דארף נישט זיין הילף וועט ער אהין גיין צו יענע קאנטרי ארבעטן, האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט: "אז דו וועסט דא העלפן פון וואו וועסטו האבן געלט?" האט דער בחור געענטפערט אז ער דארף נישט קיין געלט, ער וועט זיך שוין אן עצה געבן מיט געלט, האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט זיין התפעלות אויף דעם בחור אז ער איז גרייט אויפצוגעבן א פרנסה אנבאט פון טויזנט דאללער א וואך, כדי צו קענען העלפן דעם רבי'ן און דרייוון פאר'ן מוסד, נישט ווערנדיג באצאלט (עיין חיי מוהר"ן סימן של"ז).

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אז דער אינגערמאן וואס איז ממונה אויפ'ן בויען דעם עירוב האט אים אנגערופן אז דער בחור וואס האט ביז יעצט געדרייווט די 'עירוב טראק' איז ווייטער גרייט ממשיך צו זיין אבער נאר מיט'ן תנאי אז דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אים צו אז קומענדיגע יאר פסח האלט ער א קינד אויפ'ן שויס, האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן: "הבחור ... נרו יאיר וויל מיר עס אויך זאגן, ער דארף אויך א שידוך, אבער ער ווייסט אז דאס איז נישט די וועג פון רעדן... מען דארף זיין גרייט צו העלפן אין אלע אומשטענדן, אפילו אויב מען באקומט נישט א שידוך"; האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט צום ממונה אז ער זאל נעמען א צווייטן בחור צו דרייוון דעם 'עירוב טראק', און דער ראש ישיבה שליט"א האט געענדיגט: "איך קען באשטיין אז ער זאל שוין האלטן א קינד אויפ'ן שויס - אויף פורים, נישט הערשט פסח, אבער דאס קען נישט זיין קיין תנאי צום העלפן".

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט צו די מלמדים: "עטץ דארפטס אויסהערן די הדרכה פאר מלמדים וואס איך האב געגעבן נאכ'ן 'דף גמרא' שיעור - שבת דף ק"ט". דער ראש ישיבה זאגט דארט פאר א אינגערמאן וואס איז א מלמד, און העלפט אסאך ארויס אין שטעטל מיט קאנסטראקשן, מיט 'עצתו אמונה' און גייט 'הפצה' וכו' וכו': "איך זע אז דו ווילסט מיר

אזוי שטארק העלפן, דו ביסט מיר אזוי געטריי; עס איז אלץ פיין און וואויל, אבער דאס קען נאר זיין נאך די צייט וואס דו דארפסט זיין מיט די קינדער, נאך פיר אזייגער - קענסטו מאכן וואס דו ווילסט, אבער אויב עס גייט אויף די חשבון פון די קינדער, דו ביסט עוסק דערמיט אין זייער צייט - דארף איך נישט קיין עצתו אמונה און די אנדערע זאכן; איך וויל אז דו זאלסט זיין מיט די קינדער".

דער ראש ישיבה שליט"א האט אים ווייטער געזאגט: "און די זעלבע זאך איז מיט דיין גאנצע דאווענען, דיין גאנצע אידישקייט - ווען עס איז נישט אין צייט פון חדר איז עס זייער חשוב, אבער אין די צייט פון חדר זאלסטו טראכטן למשל אז דו ביסט יעצט אוועק געפארן קיין אומאן..."

און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעענדיגט: "דאס איז דער עיקר פון א חדר; א שיינע בילדונג מאכט נישט א גוטע חדר"; און דער ראש ישיבה שליט"א ווייזט ארום: "קוק אן די קאך, קוק אן די האלוועיס, קוק אן די אודעטאריום, קוק אן די שפיל פלאץ - דאס מאכט נישט א גוטע חדר, דער עיקר איז אז די מלמדים זאלן עסן גוט און שלאפן גוט און האבן סבלנות צו די קינדער".

דער ראש ישיבה שליט"א איז אריין אין איינע פון די קלאסן און האט באמערקט ווי עס הענגט אויף די וואנט דעם ציוני'סטישן ניגון "התקוה", די ציוני'סטישע נאציאנאליסטישע הימנע, האט עס דער ראש ישיבה שליט"א אראפגענומען פון וואנט און געגעבן פאר איינעם צו פארברענען. נאכדעם האט דער ראש ישיבה דערציילט א מעשה אז די ליובאוויטשע ישיבה "תומכי תמימים" האט אמאל געמאכט א דינער, די צווייטע יאר פון ווען דער פריערדיגער ליובאוויטשער רבי האט איבערגענומען די הנהגה, נאך די הסתלקות פון זיין שווער דער ריי"צ זי"ע (דאס איז פארגעקומען אום ווינטער פון יאר תשי"ב), און בשעת די דינער האט מען געזינגען "התקוה", דער ליובאוויטשער רבי זי"ע איז נישט דארט געווען, ער האט דאס נאר נאכגעהערט, האט ער דעמאלט באפוילן אז ער וויל מער נישט ערשיינען אויף די לעדערהעד פון די ישיבה, ער וויל נישט אז די ישיבה זאל הייסן אז עס איז בנשיאותו, און אזוי איז דאס פארבליבן, אלעס צוליב וואס מען האט איינמאל געזינגען דעם ציוני'סטישן ניגון ביי א דינער.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט: "די ... חסידים ווייסן נישט פון די מעשה, זיי זאגן אז ער איז געווען א ציוני, ווייל ער האט געזאגט מען זאל נישט צוריק געבן די שטחים, אבער די עצם זאך פון האבן א מדינה האט ער אויך געהאלטן אז עס טאר נישט זיין; וואס הייסט 'התקוה'? דאס איז דען אונזער תקוה?!"

נאכדעם האט דער ראש ישיבה שליט"א אראפגענומען א מזוזה פון איינע פון די חדרים עס צו באטראכטן, און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן: "עס זעט אויס ווי זייער א פיינע מזוזה, עס זעט אויס ווי א כשר'ע מזוזה, אבער איך וויל אז מען זאל ברענגען אנדערע מזוזות און איבער טוישן אלע מזוזות, ווייל איך ווייס נישט ווער דער סופר איז געווען, איך וויל לייגן מזוזות וואס זענען זיכער גוט".

בשעת מען איז אנגעקומען אינעם בנין התלמוד תורה האט מען נאך געפונען אן אויסשטעלונג פון געוויסע אידישע ארטיקלען וואס זענען איבערגעבליבן דארט פון די פריערדיגע בעלי בתים; א לעמפל מנורה, א קאפל, א מגן דוד וכו', האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן אז מען זאל גארנישט אוועקווארפן ווייל די פריערדיגע בעלי בתים ווילן דאס נאך האבן, אויך איז געווען דארט א סקולפטור פון א מענטש, ביי די סקולפטור האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן: "נעם דאס אוועק פון דא; עס איז נישט גוט אז קינדער זאלן דאס זען".

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר א אינגערמאן וואס דארט געווען: "דו זוכסט דאך שיינע זאכן וואס צו מאכן; ברענג שיינע גרויסע בילדער פון צדיקים אויפצוהענגען אין די חדרים, ווי למשל פון הייליגן בעל התניא, דער הייליגער חזון איש וכו'".